## רעוואָלוציאָן / יוסף באָוושאָווער

איך קום ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זונן, ווען עס הויבט אָן צו טאָגען;
איך קום ווי אַ בייזער געוויטער פֿון בליץ און פֿון דונער געטראָגען;
איך קום ווי אַ גלוטיגע לאַווע פֿון וואָלקען־בעדעקטע וואולקאַנען;
איך קום ווי דער שטורעם פֿון צפֿון, וואָס וועקט און ערשרעקט אָקעאַנען.

איך קום, ווײַל עס האָבען טיראַנען פֿערוואַנדעלט די פֿעלקער אין טהראָנען;
איך קום, ווײַל מען פֿיטערט דעם פֿריעדען מיט פּולווער און בלײַ און קאַנאָנען;
איך קום, ווײַל די וועלט איז צוטהיילט און דער בונד פֿון דער מענטשהייט צוריסען;
איך קום, ווײַל מע וויל פֿאַר דעם צײַט־גײַסט דעם ענדלאָזען וועלט־רוים פֿערשליסען. —

איך קום, ווײַל איך בין אין דעם מדבר פֿון הערשאַפֿט געבאָרען געוואָרען;
איך קום, ווײַל עס האָבען די הערשער געוועקט און ערצויגען מײַן צאָרן;
איך קום, ווײַל די מענטשליכע ברוסט קען די זריעה פֿון לעבען ניט טוידטען;
איך קום, ווײַל מען קען נישט די פֿרײַהייט אויף עוויג פֿערשמיעדען אין קייטען. —

איך האָב די געקנעכטעטע פֿעלקער געפֿיהרט אין די פֿריִהערע צײַטען
און האָב זיי געהאָלפֿען די שענדליכע קנעכטשאַפֿט אויף פֿרײַהייט פֿערבײַטען,
איך בין מיט דעם פֿאָרטשריט געגאַנגען, די וועלט איהם געהאָלפֿען בענײַען,
און געהן וועל איך הײַנט מיט די פֿעלקער און וועל זיי אין גאַנצען בעפֿרײַען.

## מַהְפֵּכָה / יוסף בּוֹבְשׁוֹבֶר

עברית : ישׂראלה בקר

אֲנִי בָּא כְּמוֹ שָׁבִיט, כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ, עִם בֹּקֶר, בִּשְׁעַת דִּמְדּוּמִים;
אֲנִי בָּא כְּמוֹ סְעָרָה נוֹרָאָה עַל כַּנְפֵי אֵשׁ־בְּרָקִים וּרְעָמִים;
אֲנִי בָּא גַּם כְּמוֹ לַבָּה שֶׁל אֵשׁ מֵהַר־גַּעַשׁ — רֹאשׁוֹ בַּמְּרוֹמִים;
אֲנִי בָּא כְּמוֹ סוּפָה מִצָּפוֹן, מַרְבְּצָם מְעוֹרֶרֶת יַמִּים.

אֲנִי בָּא, כִּי הָפְכוּ רוֹדָנִים אֶת הָעָם לִרְכוּשָׁם הַפְּרָטִי;
אֲנִי בָּא, כִּי פֻּטַּם הַשָּׁלוֹם בְּעוֹפֶרֶת, קְלִיעִים, טִי־אֶן־טִי;
אֲנִי בָּא, כִּי מְפֻלָּג הָעוֹלָם וּמְפֹרֶרֶת אַחְוַת הָעַמִּים;
אֲנִי בָּא, כִּי מֵרוּחַ הַזְּמַן אֶת מֶרְחַב הָעוֹלָם כָּאן חוֹסְמִים. —

אֲנִי בָּא, כִּי נוֹלַדְתִּי אֵי־אָז בְּמִדְבָּר שֶׁל מִשְׁטָר רוֹדָנִי;
אֲנִי בָּא, כִּי שַׁלִּיט וְרִבּוֹן עוֹרְרוּ וְטִפְּחוּ חֲרוֹנִי;
אֲנִי בָּא, כִּי אַף לֵב לֹא יוּכַל אֶת מַהוּת קִיּוּמִי לְחַסֵּל;
אֲנִי בָּא, כִּי הַחֹפֶשׁ לָעַד לֹא יֻתַּן בִּכְבָלִים שֶׁל בַּרְזֶל. —

וְהִנְהַגְתִּי כְּבָר עַם עֲבָדִים מְזֵי־רָעָב, עוֹד בִּימוֹת הָאֶתְמוֹל,
וְעָזַרְתִּי לָהֶם מִגַּבָּם הַכָּפוּף וְהַשָּׁח לִפְרֹק עֹל,
וְצָעַדְתִּי עִם הַקִּדְמָה, וְקוֹמַמְנוּ עוֹלָם וּמְלוֹאוֹ,
וְאֶצְעַד לִי עַתָּה עִם הָעָם, אֲחַלְּצוֹ מִכַּבְלֵי הַפַּרְעֹה;

און אײַך, איהר געהייליגטע געלד־זעק, געזאַלבטע, געקריינטע באַנדיטען,
איך וועל אײַך פֿערניכטען מיט אײַערע פֿאַלשע געזעצע און זיטען,
און אײַערע הערצער, וואָס שמאַכטען נאָך מענשענ־בלוט, וועל איך דערשטעכען,
און אײַערע קרוינען און סצעפּטער, די גאָלדענע, וועל איך צוברעכען!

איך וועל אײַער פֿאַרביגען פּורפּור, ווי שמאַטעס אין שטיקלאַך צופֿליקען,
צו וועלכען דאָס פֿאָלק האָט געיובעלט אין נאַרישער פֿרייד און ענטציקען — ,
פֿערליערען וועט אײַער פֿערפֿראָרענע וועלט איהר בלענד־שײַן דעם שטאָלצען,
אַזוי ווי דער שנעע, וועלכער פֿאַלט פֿון די אײַז־בערג, פֿון זונ־שײַן צושמאָלצען!

פֿערניכטען וועל איך אײַער שפּינוועב־מאָראַל און די אוראַלטע ליגען,
און אײַערע פּפֿאַפֿען, די פֿינצטערע, וועל איך דערשטיקען ווי פֿליגען,
און אײַערע הימלען, און אײַערע שדים, און אײַערע געטער,
איך וועל זיי צושטערען, און ריין וועל איך מאַכען די ערד און דעם עטהער! —

און מעגט איהר מיך ווערגען, און שיסען און הענגען — אומזאָנסט אײַער מיהע!
מיך שרעקט ניט קיין קערקער, מיך שרעקט קיין שאַפֿאָט ניט, מיך שרעקט ניט קיין תּליה!
אַרויסוואַקסען וועל איך פֿון דר'ערד און איך וועל זי מיט וואָפֿען בעדעקען,
ביז איהר וועט אויף עוויג פֿערזינקען, ביז אײַך וועט דער קבֿר פֿערמעקן! —

לאָנדאָן, 1903
(פֿון *פּאָעטישע ווערקע*)

וְאֶתְכֶם שֶׁקִּדַּשְׁתֶּם, נִמְשַׁחְתֶּם, הֻמְלַכְתֶּם — כְּנוּפְיַת רוֹדָנִים —
כֵּן, אֶתְכֶם אֲאַיֵּן עִם סִדְרֵי עוֹלַמְכֶם הַכּוֹזְבִים, הַיְּשָׁנִים,
וְאֶת לֵב קִיּוּמְכֶם הָעוֹרֵג לוֹ לְדָם אֲנַקֵּר, חֵי רוּחִי,
וְאֶת כָּל כִּתְרֵיכֶם, שַׁרְבִיטֵי הַזָּהָב אֲנַתֵּץ כָּאן בְּמֹחִי!

עוֹד אֶקְרַע לִגְזָרִים אַרְגְּמָן מַלְכוּתְכֶם, כֵּן, אוֹתוֹ אַרְגָּמָן
שֶׁהָעָם הַשּׁוֹטֶה בְּשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לוֹ סָגַד נֶאֱמָן — ,
יְאַבֵּד עוֹלַמְכֶם הַקָּפוּא אֶת גְּאוֹן סַנְוֵרָיו הַיָּהִיר,
הוּא יִמַּס בְּדִיּוּק כְּמוֹ שִׁלְגֵי הַקַּרְחוֹן כְּשֶׁהַשֶּׁמֶשׁ מֵאִיר!

אֲאַיֵּן סְאַת שְׁקָרִים עַתִּיקִים, וְאִתָּם סְבַךְ חֻקִּים לֹא כְּתוּבִים,
וְאֶת כֹּהֲנֵיכֶם — חֲשׁוּכִים לְהַחְרִיד — אָז אֶמְחַץ כְּמוֹ זְבוּבִים,
הָאֵלִים שֶׁלָּכֶם, הַשֵּׁדִים שֶׁלָּכֶם, וְשִׁבְעַת הָרְקִיעִים —
אֶת הַכֹּל אֲמוֹטֵט, אֲטַהֵר אֲדָמָה וַאֲוִיר מֵחוֹטְאִים!

הֵן תּוּכְלוּ לַחֲנֹק, וְלִירוֹת וְלִתְלוֹת — לְחִנָּם תִּתְאַמְּצוּ!
אֵין אֲנִי מְפַחֵד מִתָּא־כֶּלֶא, גַּרְדּוֹם, אוֹ תְּלִיָּה — מִכָּל מָה שֶׁתִּרְצוּ!
אֶעֱלֶה מֵעָפָר, אֶגְדְּשׁוֹ בְּרוֹבִים, וּבָכֶם אֶלָּחֵם,
עַד אֲשֶׁר לְעוֹלְמֵי־עַד תֹּאבְדוּ, וְהַקֶּבֶר יִמְחֶה זִכְרְכֶם.

תל-אביב, דצמבר 2024